**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מאיאריטעט פירער שומער אנאנסירן באדייטנדע פארשריט פאר EDWARDS VACUUM'ס 319 מיליאן דאלארדיגע סעמי-קאָנדאָקטער מאשינעריי פאבריק אין דזשענעסי קאונטי**

***מאיאריטעט פירער טשארלס שומער און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפ נייט, האט זיך אנגעשלאסן מיט Edwards Vacuum בעאמטע אויף א טור ביי די קאנסטרוקציע שטח פון גרויסארטיגע סעמי-קאָנדאָקטער סופלייער ביי די מערב ניו יארקע וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג קאמפלעקס***

***גלאבאלע מעניופעקטשורער פון טרוקענע פאמפס וועט פארשטערקערן ניו יארק'ס קייט פון סעמי-קאָנדאָקטער פראדוקציע, שאפנדיג ביז 600 דזשאבס אין דעם פינגער לעיקס ראיאן***

***פראיעקט ערגענצט "פינגער לעיקס אויף פאראויס" – די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

***קאנסטרוקציע שטח בילדער פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול און פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האבן היינט אנאנסירט באדייטנדע פארשרי אין די קאנסטרוקציע אויף די ערשטע פאזע פון די 319 מיליאן דאלארדיגע Edwards Vacuum טרוקענע פאמפ מעניופעקטשורינג פאבריק, וואס געפונט זיך אין די טאון אָוו אלאבאמא אין דזשענעסי קאונטי. Edwards Vacuum, טייל פון די Atlas Copco Group, איז א גלאבאלע פירערין אין וואקיום און לופט רייניגונג מאשינעריי פאר די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע און א גרויסע סופלייער פאר סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורערס. מאיאריטעט פירער טשארלס שומער און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפ נייט, האבן היינט באקומען א טור אויפן שטח, וואס געפונט זיך ביי די מערב ניו יארקע וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג קאמפלעקס (Western New York Science & Technology Advanced Manufacturing Park), באגלייט דורך Edwards Vacuum עקזעקיוטיוון. Edwards Vacuum'ס באשלוס צו אינוועסטירן אין ניו יארק סטעיט פאלגט נאך דאס וואס ניו יארק'ס גרינע טשיפס (Green CHIPS) געזעץ און דער פעדעראלער טשיפס און וויסנשאפט געזעץ (CHIPS and Science Act) זענען אריבערגעפירט געווארן – געזעצן וואס האבן צוזאמען צוגעשטופט Micron'ס פרעצעדענטלאזע 100 ביליאן דאלארדיגע פארפליכטונג צו צענטראל ניו יארק וואס איז ערווארטעט צו שאפן נאנט צו 50,000 דזשאבס און אזוי אויך צו GlobalFoundries'ס 11.6 ביליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג אריין אין דעם הויפטשטאט ראיאן וואס וועט שאפן מער פון 1,500 דירעקטע דזשאבס און טויזנטע אומדירעקטע דזשאבס.

"Edwards Vacuum'ס פארפליכטונג צו אפסטעיט ניו יארק וועט שאפן 600 שיין-באצאלטע דזשאבס און צוציהען נאך אינוועסטירונגען סיי אין מערב ניו יארק און סיי צו דעם פינגער לעיקס ראיאן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צווישן ניו יארק'ס גרינע טשיפּס פראגראם און דער פעדעראלער טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ, טוהען מיר אונטערטרייבן א ווידער אויפשטייג פון מעניופעקטשורינג אין אונזער סטעיט, זיכער מאכנדיג אז מיר זענען אוועקגעשטעלט אלס א גלאבאלע צענטער פאר ערפינדונג און די צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג אריבער דאס לאנד."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די דערגרייכונג צייכנט אפ באדייטנדע פארשריט אין ריכטונג פון די עפענונג פון Edwards Vacuum'ס נייע טרוקענע פּאמפּ מעניופעקטשורינג פאבריק אין דזשענעסי קאונטי אלס א וויכטיגע צוגאב צו מאכן אפסטעיט ניו יארק פאר א גלאבאלע צענטער פאר די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. א ריזיגע צאל פון די וועלט'ס קאמפיוטער טשיפּס ווערן געמאכט נוצנדיג מאשינעריי פון Edwards Vacuum, און היינט ווערט דזשענעסי קאונטי די קלאפנדע הארץ פון די באמיאונגען פאר אמעריקע. פון Micron ביז GlobalFoundries, נויטיגן זיך אלע גרויסע סעמי-קאָנדאָקטער פירמעס אין ניו יארק און אריבער גאנץ אמעריקע אין די וואקיום טעכנאלאגיע פון די סארט וואס Edwards פראדוצירט פאר זייערע טשיפּ פאבריקן. איך האב געמוטיגט Edwards Vacuum זיך צו אויסברייטערן אריין אין מערב ניו יארק, ווייל איך האב געוואוסט אז דאס וועט זיין א געווינס פאר Edwards Vacuum, א געווינס פאר מערב ניו יארק'ס עקאנאמיע און א געווינס פאר אמעריקע'ס קייט פון סעמי-קאָנדאָקטער פראדוקציע, און היינט ווערט דאס א רעאליטעט. א דאנק מיין טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ, וואס זעצט פאר צו אהערשטעלן אינוועסטירונג נאך אינוועסטירונג פאר אפּסטעיט ניו יארק, טוהען מיר צולייגן נאך א סטאנציע אויף אונזערע סעמי-קאָנדאָקטער שינעס אין די בליהענדע טעכנאלאגישע צענטער נעבן די I-90 מיט Edwards Vacuum'ס היינטיגע דערגרייכונג פייערנדיג די אנהויב פון ארבעט. Edwards Vacuum שפילט א הויפט ראלע אין די קייט פון סעמי-קאָנדאָקטער פראדוקציע, און מיר רעדן דא פון אונטערטרייבן דזשענעסי קאונטי מיט א 319 מיליאן דאלארדיגע פאבריק און 600 נייע שיין-באצאלטע דזשאבס. איך טו ווייטער שטופן צו אהערברענגען די פעדעראלע אנרייץ מאסנאמען פון מיין טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ צו מאכן דעם פראיעקט פאר א רעאליטעט, פארשטערקערנדיג דזשענעסי קאונטי'ס עקאנאמיע און אוועקשטעלנדיג מערב ניו יארק אלס א צענטער פאר אפּסטעיט ניו יארק און פאר די לאנד'ס סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "Edwards Vacuum זעצט פאר צו מאכן גרויסע פארשריט אויף איר נייע פארגעשריטענע איינריכטונג וואס וועט שאפן הונדערטע שיין-באצאלטע דזשאבס און אויפטרייבן מיליאנען דאלארן אין אינוועסטירונגען. די צוקונפט פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג אין דאס לאנד לויפט דורך ניו יארק סטעיט, וועלכע זעצט פאר צו וואקסן אלס א גלאבאלע צענטער פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, פארשונג און אנטוויקלונג."

די טעכנעלאגיע וואס ווערט פראדוצירט ביי Edwards Vacuum'ס נייעסטע פאבריק איז א קריטישע באשטאנדטייל וואס ווערט גענוצט צו קאנטראלירן די גאר הייקעלע לופט אומשטענדן וואס פעלט זיך אויס אין די צימערן וואו סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג פראצעדורן ווערן דורכגעפירט. קאנסטרוקציע אויף די 127 מיליאן דאלארדיגע ערשטע פאזע פון Edwards'ס 240,000 סקוועיר-פיסיגע קאמפלעקס וועט ארייננרעכענען מעניופעקטשורינג, א ווערהאַוז און אדמיניסטראציע איינריכטונגען, מיט א קאפאציטעט צו פראדוצירן 10,000 טרוקענע פאמפּס פער יאר. די פולשטענדיג-עלעקטרישע פאבריק וועט שטרעבן צו באקומען LEED סערטיפיקאציע, מיט די מערהייט פון די עלעקטריציטעט קומענדיג פון היידראָו-עלעקטריציטעט.

Edwards'ס פארפליכטונג צו בויען אין די פאראייניגטע שטאטן קומט נאך באדייטנדע אינוועסטירונגען דורך די ביידן-העריס אדמיניסטראציע צו פארמערן טשיפּ מעניופעקטשורינג אין דאס לאנד, און אזוי אויך

נאכדעם וואס דער פעדעראלער טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ און ניו יארק'ס גרינע טשיפּס געזעץ זענען אריבערגעפירט געווארן און אזוי אויך צוליב די וואקסנדע געברויך צו ערפילן די באדערפענישן פון זייערע קונדן אין צפון אמעריקע. Edwards טרוקענע פאמפס ווערן יעצט פראדוצירט אין אזיע. דורכן ברענגען מעניופעקטשורינג קיין ניו יארק, וועלן Edwards'ס קונדן נישט דארפן ווארטן אזוי לאנג, האבן די פירמע זיך בעסער צושטעלן צו זיי און האבן רעדוצירטע CO2 עמיסיעס פון אן אמעריקע-פראדוצירטע פראדוקט. עדווארדס שאצט אז ווען פאזע איינס איז אין אפעראציע, וועט עס רעדוצירן CO2 ארויסגעבענישן מיט 13,000 טאנען פער יאר.

עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט האט געשאנקען ביז 21 מיליאן דאלאר פאר Edwards Vacuum דורך א געמיש פון עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט (Excelsior Jobs Tax Credits) און אינוועסטירונג טעקס קרעדיטס וואס ווערן געגעבן באזירט אויף די רעזולטאטן וואס די פירמע וועט אהערשטעלן אין אויסטויש פארן שאפן 600 דזשאבס, און נאך 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג מיהען און פאר די טרעינירונג פון א פארשידנארטיגע און אריינגנעמיגע ארבעטסקראפט. אין צוגאב שטיצט די ניו יארק פאווער אויטאריטעט ( ,New York Power Authority NYPA) דעם פראיעקט דורכן צוטיילן 4.9 מעגאַוואַט (megawatt, MW) פון ביליגע היידראָ-פּאַווער עלעקטריציטעט פון די ניאגרא פאווער פלענט און 2.1 MW פון עלעקטריציטעט אויף אן איינציגע הויכע ראטע וואס NYPA וועט פארשאפן פאר Edwards פון די ענערגיע מארקעט. ביליגע היידראָ-פּאַווער אין ניאגארא איז דא צו באקומען פאר פירמעס וועלכע געפונען זיך אין די 30-מייל ראדיוס פון די פּאַווער אויטאריטעט'ס ניאגארא פאווער פראיעקט אדער פאר ביזנעסער אין שעטאַקווע קאונטי.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק'ס שטאנד אלס גלאבאלע פירערין אין סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג זעצט פאר צו וואקסן, זעצט פונקט אזוי די פארלאנג פאר פארלעסליכע שותפים פאר מאשינעריי פאר צו וואקסן. NYPA באנוצט זיך מיט איר ביליגע היידראָ-פּאַווער עלעקטריציטעט פון די ניאגרא פלענט צו צוציהען מעניופעקטשורערס פון די פארגעשריטנסטע טעכנאלאגיעס קיין מערב ניו יארק, אויפטרייבנדיג פריוואטע אינוועסטירונג און פארשטערקערנדיג די לאקאלע עקאנאמיע. Edwards Vacuum'ס פראיעקט ביי די STAMP קאמפלעקס רוקט זיך פאראויס פאר די געוואלדיגע בענעפיט פון די מערב ניו יארק עקאנאמיע, און NYPA איז שטאלץ צו שטיצן דעם פראיעקט."

**גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארגרעסערן ניו יארק'ס סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע**

גאווערנער האקול האט אנגעהאלטן א שטארקע פארפליכטונג צו בויען א מאדערנע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט דורכן פארברייטערן א לעבעדיגע און שעפערישע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. אין 2022 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישער 'גרינע טשיפּס' געזעץ כדי צו מאכן ניו יארק פאר א צענטער פון סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג, שפאנדיג דזשאבס פון די 21'סטע יאר הונדערט און אונטערשטיצנדיג עקאנאמישע וואוקס, בשעת'ן היטן אויף וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר די סביבה. אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א 45 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן די "גאווערנער'ס אפיס פאר סעמי-קאָנדאָקטער פארברייטערונג, פארוואלטונג און איינגלידערונג" ( Governor's Office of Semiconductor Expansion, Management, and Integration, GO-SEMI) וואס פירט אן די סטעיט-ברייטע באמיאונגען צו אנטוויקלען די טשיפּ פראדוקציע פעלד. אין דעצעמבער פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן – אריינרעכענענדיג 9 ביליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג פון IBM, Micron, Applied Materials, Tokyo Electron און אנדערע פירנדע פירמעס אין די סעמי-קאָנדאָקטער פעלד – צו ברענגען די צוקונפט פון פארגעשריטענע סעמי-קאָנדאָקטער פארשונג צו ניו יארק'ס הויפטשטאט ראיאן דורכן אויפשטעלן די לאנד'ס ערשטע און איינציגסטע High NA EUV Lithography צענטער אין רעגירונג אייגנטום אין די Albany Nanotech Complex.

ניו יארק איז א היים צו א שטאנדהאפטיגע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע וואס איז יעצט א היים צו מער פון 150 סעמי-קאָנדאָקטער און מאשינעריי און באשטאנדטיילן פירמעס וואס באשעפטיגן איבער 34,000 ניו יארקער. א דאנק גאווערנער האקול'ס באמיאונגען, זעצט די אינדוסטריע פאר זיך צו אויסברייטערן מיט גרויסארטיגע אינוועסטירונגען פון סעמי-קאָנדאָקטער ביזנעסער און מאשינעריי און באשטאנדטיילן פירמעס ווי Micron, GlobalFoundries, AMD, Edwards Vacuum, MenloMicro און TTM Technologies צו אויסברייטערן זייער אנוועזנהייט אין ניו יארק. אין פאקט, האבן אין די לעצטע צוויי יאר טשיפ פירמעס אנאנסירט איבער 112 ביליאן דאלאר אין פלאנירטע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק – מער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט – און איינס פון יעדע פיר פאראייניגטע שטאטן-פראדוצירטע טשיפס וועלן פראדוצירט ווערן אינערהאלב 350 מייל פון אפסטעיט ניו יארק — קיין שום אנדערער ראיאן אין דאס לאנד וועט נישט זיין פאראנטווארטליך פאר א גרעסערע טייל פון די פראדוקציע אינעם לאנד.

סעמי-קאָנדאָקטערס זענען קריטיש פאר די לאנד'ס עקאנאמישע שטארקייט, דינענדיג אלס די מוח פון מאדערנע עלעקטראניקס און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיעס וואס זענען קריטיש פאר די פאראייניגטע שטאטן'ס עקאנאמישע וואוקס, נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט. די אינדוסטריע באשעפטיגט דירעקט איבער 300,000 מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן און שטיצט נאך מער פון 1.8 מיליאן דזשאבס אין דאס לאנד. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט ביישטייערער צו די פרוכטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן פארשריט אויף די קאנסטרוקציע פון די Edwards Vacuum פאבריק אין דזשענעסי קאונטי וואס וועט שאפן הונדערטע גוטע דזשאבס און מאכן די עקאנאמיעס פון סיי מערב ניו יארק און סיי די פינגער לעיקס וואקסן. די Edwards Vacuum פאבריק וועט פראדוצירן טעכנאלאגיע וואס איז קריטיש צו זיכער מאכן אז ניו יארק זעצט פאר צו וואקסן אלס א גלאבאלע פירערין אין סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו אריבערפירן דעם טשיפס און וויסנשאפט געזעץ וואס האט געהאלפן שטופן פירמעס ווי Edwards Vacuum צו אויסברייטערן מעניופעקטשורינג אין ניו יארק, און איך קוק ארויס צו זעהן די וואוקס וואס די פאבריק וועט ברענגען צו דעם ראיאן פאר פילע קומענדיגע דורות."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און ערפינדונג זענען גאר קריטיש צו עפענען די פולע פאטענציאל פון אונזער ראיאן און פארזיכערן אונזער פירערשאפט אויף די נאציאנאלע און גלאבאלע סצענעס. ארויפבויענדיג אויף די טיטל וואס דער ראיאן האט באקומען אלס א 'טעכנאלאגיע צענטער' (Tech Hub) וואס איך האב געהאלפן פארזיכערן אין וואשינגטאן — וועט די פארגעזעצטע הצלחה פון Edwards Vacuum און פון די גאנצע מערב ניו יארק וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג קאמפלעקס ( Science & Technology Advanced Manufacturing Park, STAMP) העלפן ארויפשטופן אונזער ראיאן'ס סעמי-קאָנדאָקטער פירערשאפט צו נייע הייעכן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, סענאטאר שומער און פאר אלע מיינע קאלעגן אויף ביידע [פאליטישע] זייטן פאר זייער שטיצע פאר די וויכטיגע פראיעקטן, און איך קוק ארויס צו אונזער פארגעזעצטע ארבעט צוזאמען."

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש מ. בארעלאָו האט געזאגט,** "Edwards Vacuum'ס גרויסארטיגע אינוועסטירונג אין דזשענעסי קאונטי וועט ברענגען א מהפכה פאר דעם ראיאן און א נייע קאפיטל אין די שטאלצע לעגענדארע היסטאריע פון מעניופעקטשורינג פון מערב ניו יארק און דעם פינגער לעיקס ראיאן.

מיר האבן די פעהיגע ארבעטסקראפט, אינפראסטרוקטור און שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וועלכע וועלן פאראויס טרייבן די הצלחה פון די פירמע'ס נייע STAMP פאבריק, איר ערלויבנדיג צו בליהען און האבן א פאזיטיווע השפעה אויף די לאקאלע עקאנאמיע. איך באדאנק סענאטאר שומער, גאווערנער האקול די דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור און די IDA וועלכע האבן אלע געשפילט א ראלע ביים ברענגען דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט צו די קאמיוניטי. גאר גוטע זאכן זענען אויפן האריזאנט."

**אסעמבלי מיטגליד סטיווען האולי האט געזאגט,** "ניו יארק געפונט זיך אין די צענטער פון די וואקסנדע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע, און דאס ווערן אויסגעוועהלט דורך Edwards Vacuum טרייבט אונז אויף פאראויס. די פירמע'ס פארשריט וואס איז געמאכט געווארן דורך STAMP האט פארשטערקערט די GLOW ראיאן'ס עקאנאמיע און זיי געמאכט פאר א וועזנטליכע טייל פון די קאמיוניטי אזוי ווי זיי זעצן פאר צו שאפן דזשאבס און שטיצן אנדערע ביזנעסער אריבער די סטעיט. איך קוק ארויס צו זעהן די השפעות וואס די אינוועסטירונגען וועלן האבן אויף אונזער סטעיט אזוי ווי מיר פארגרעסערן אונזער גלאבאלע שטאנד אלס א פירערין אין די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע."

**דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצערין, ראָושעל סטיין, האט געזאגט,** "דזשענעסי קאונטי לויבט אויס Edwards Vacuum פאר די פארשריט וואס זיי האבן געמאכט ביי STAMP צו פארווירקליכן די וואוקס פון קריטישע מאשינערייי מעניופעקטשורינג פאר אונזער וואקסנדע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. אזויפיל מענטשן ארבעטן אזוי שווער צו פארווירקליכן דעם חזון וואס מיר האבן אלע פאר STAMP, און די היינטיגע געשעעניש איז א באווייז אז זיך האלטן אויף די רעלסן און זיין פעלזן-פעסט ברענגט אונז נאך א טריט נאענטער צו דעם חזון."

**טאון אָוו אלאבאמא סופערווייזער, ראב קראסען, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די טאון אָוו אלאבאמא און מיינע קאלעגן אויפן באורד, גראטולירן מיר Edwards Vacuum אויף די פארשריט אויף זייער קאנסטרוקציע ביי די STAMP 'מעגא' פאבריק. דאס איז די לעצטע דערגרייכונג צו פארקומען ביי STAMP, און עס זעצט פאר די פארווירקליכונג פון אונזער געמיינזאמע חזון פאר אינוועסטירונגען וואס פארבעסערן די עקאנאמיע, ציהען צו שיין-באצאלטע דזשאבס און מאכן אונזער קאמיוניטי פאר א בעסערע פלאץ וואו צו ארבעטן און וואוינען."

**מארק מעסי, פרעזידענט און CEO פון די דזשענעסי קאונטי עקאנאמישע אנטוויקלונג צענטער (Genesee County Economic Development Center), האט געזאגט,** "מיר גראטולירן Edwards Vacuum פאר די היינטיגע דערגרייכונג און מיר פייערן די אינוועסטירונג וואס זיי מאכן אין STAMP צו פארגרעסערן דזשענעסי קאונטי'ס עקאנאמיע און פארשטערקערן ניו יארק'ס שטאנד אלס אן ארויסשטייגנדע פירערין אין די סעמי-קאָנדאָקטער און סעמי-קאָנדאָקטער מאשינערייי און באשטאנדטיילן אינדוסטריעס. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט Edwards Vacuum אזוי ווי די פירמע בויט זיך אויף דא, און פונקט אזוי וויכטיג — צו רעקרוטירן די טאלאנטפולע ארבייטער וואס זיי זוכן צו מאכן די פאבריק פאר א פירנדע פלאץ אין די סעמי-קאָנדאָקטער מאשינערייי אינדוסטריע."

**Greater Rochester Enterprise פרעזידענט און CEO, מעט הוירלבאָט, האט געזאגט,** "Edwards Vacuum האט געמאכט באדייטנדע פארשריט אין ריכטונג פון די קאנסטרוקציע פון איר טרוקענע פאמפ מעניופעקטשורינג פאבריק ביי די STAMP 'מעגא' קאמפלעקס אין דזשענעסי קאונטי. די פארשריט צייכנט אפ א וויכטיגע דערגרייכונג ביים פארשטערקערן Edwards'ס קשרים מיט די גרעיטער ראטשעסטער, ניו יארק, ראיאן'ס שטאנדהאפטיגע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און סעמי-קאָנדאָקטער פעלדער. Greater Rochester Enterprise פארבלייבט פארפליכטעט צו שטיצן Edwards'ס הצלחה דורכן פלעגן שטארקע באציאונגען צווישן די פירמע'ס פירערשאפט און צענטראלע פארמישטע קערפערשאפטן אין ביזנעס, אקאדעמיע און די קאמיוניטי. כאפט א בליק אויף די

אויסערגעווענטליכע פאַרבינדונג מיט די סאמע בעסטע טאלאנטן, צוטריט צו ביליגע הײדראָ-פּאַווער עלעקטריציטעט און ערשט-קלאסיגע פארשונג און אנטוויקלונג מיטלען — און עס איז נישט קיין וואונדער אז Edwards האט באשלאסן זיך צו אויסברייטערן אין דעם גרעיטער ראטשעסטער, ניו יארק, ראיאן."

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכנענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז פארערפנטליכט [דא](#).

**וועגן עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils)](#), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטור ארבעט צוזאמען מיט ארויסשטייגנדע און פארגעשריטענע אינדוסטריעס ווי ריינע ענערגיע און סעמי-קאָנדאַקטער מעניופעקטשורינג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, זי האלט אויף א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און זי מאכט מארקעטינג פאר די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע טוריזם דעסטינאציעס דורך "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע [esd.ny.gov](#) און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף [LinkedIn](#), [Facebook](#) און [X](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)